בס״ד

## דאס שבת קודש ליד / מאדמו״ר מסקולען זצוק״ל

דֶער שַׁבָּת קוֹדֶש קוּמְט [2]
עֶר אִיז דָאך פוּן גָאט בַּאשְׁטִימְט [2]
צוּ קוּמֶען אִין דֵיין הַארְץ אִין דֵיין נְשָׁמָה
דִיר צוּ בְּרֶענְגֶען אַ גַאנְצֶע נֶחָמָה

נֶעם אִים אוֹיף פַאר דֶעם חָשוּבְסְטֶען גַאסְט [2]
מִיט אַלֶעמֶען וָואס דוּ הָאסְט [2]
רוּ אִין אִיהם אִין פַאר שְׁוֶועד אִיהם נִישְׁט מִיט גֶעשֶׁעפְט אִין מְלָאכָה
וֶועט דִיר דֶערפַאר גָאט בֶּענְטשְׁן מִיט פִיל בְּרָכָה

גֶעדֶענְק דֶעם שַׁבָּת צוּ הֵיילִיגְן [2]
מִיט אִיהם דֵיין נְשָׁמָה צוּ פַאר אֵייבִּיגְן [2]
שְׁטֵיי אוֹיס דֶעם נִסָיוֹן דֶעם שַׁבָּת צוּ הִיטְן
וֶועט דִיר דֶערפַאר גָאט בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶעם גִיטְן

---

דֶער זְכוּת פוּן שַׁבָּת קוֹדֶש אִיז זֵייער גְרוֹיס
עֶר לָאזְט זִיך דָאך אֵייבִּיג נִישְׁט אוֹיס
אִין אַז דוּ וֶועסְט דֶעם שַׁבָּת רוּהן
וֶועסְטוּ דָאך אַ גַאנְצֶע וָואך אוֹיף בְּלוּיֶען

גֶעבֶּנְעטְש וֶועסְטוּ וֶוערְן מִמְקוֹר הַבְּרָכָה
מִיט שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה
עֶס וֶועט דִיר תָּמִיד זֵיין גוּט אִין ווֹאל
אַז דוּ  וֶועסֶט נִישְׁט מַאכְן פוּנֶעם שַׁבָּת חוֹל.

צוּ אַלֶע וָואנְדְן דֶער שַׁבָּת אַ רְפוּאָה
צוּ אַלֶע צָרוֹת אַ יְשׁוּעָה
אַוֶועק אַלֶע פִינְסְטֶערְנִיש פַארְן שַׁבָּת לִיכְט
פַאר זֵיין הֵיילִיגֶע גֶעזִיכְט

נֶעם דֶעם שַׁבָּת אִין הַארְץ אַרֵיין
וֶועט דִיר לִיכְטִיג אִין פְרֵיילֶעך זֵיין
וֶועסְט דֶער לֶעבְן דִי יְשׁוּעָה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל
וּבָא לְצִיוֹן גוֹאֵל ...